# אַן אלמנה

האָבן די פעלדער הימלישע אַמאָל געבלויט ?
קיין סימן נישטאָ. שוואַרץ פון עק ביז עק.
די שטערן שוידערן, גלייך ווי פון דער הויט
ווילן זיי אַרויסשפּרינגען פאַר שרעק.

זינט איר מאַן איז געשטאָרבן
האָט די פינצטערניש גלעזערנע אויגן,
ברענט זי אַ גאַנצע נאַכט די לאָמפּ.

ציען פון דעם ליכט זיך שטראַלן
ווי פינגער צו דער פענצטער-ראַם
און ווינקען אַרויס אין דרויסן
צו דעם פרעמדן מאַן....

די נאַכט שווייגט און ציטערט,
נאָר אַ משוגענער ווינט טאַנצט אויפן דאַך.
-----------------------------------------
און זי איז אַזוי אַליין, אַזוי שוואַך.

און שטראַלן ציען זיך ווי פינגער
צו דער פענצטער-ראַם,
ווינקען אין דרויסן אַרויס צו איר טויטן מאַן.

זאָל זי אַראָפּגיין און פאַרלעשן ?
הינטער דעם ווענטל איר צוקאָפּנס
הערט זי איינעם שטיין און העשען...

מורמלען אַנגסטיק אירע ליפּן :
ווער שוועבט איבערן חושך אויב נישט דו
און דו פינקלסט אין ברענענדיקן קנויט;
גיב מנוחה די, וואָס זענען טויט,
גיב די לעבעדיקע רו.

האָבן די פעלדער הימלישע אַמאָל געבלויט ?
אַ סימן נישטאָ.  שוואַרץ פון עק ביז עק.
שטערן שוידערן, גלייך ווי פון דער הויט
ווילן זיי אַרויסשפרינגען פאַר שרעק.
============================
**פאָלקסצייטונג 2.6.1939 ז.7**